**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/15/2022 **גאווערנער קעטי האָוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט אנהייב קאנסטרוקציע אויף 27 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט צו פארבעסערן באהאפטנקייט פון לאנג איילענד עקספרעסוועי ביז קרוקעד היל ראוד אין סופאלק קאונטי

***27 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וועט שאפן גרינגערע צוטריט צו שאַפּינג, אינדוסטריעלע ערטער, פארקס, און קאלעדזש קאמפוס***

***בילדער פון דעם פראיעקט קען מען באקומען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז קאנסטרוקציע הייבט זיך אן אויף א 27 מיליאן דאלערדיגן פראיעקט צו ענדערן עקזיט 53 אויף דער לאנג איילענד עקספרעסוועי צוצושטעלן פאר מאטאריסטן גיכערע צוטריט צו שאַפּינג, מסחר און פארוויילונג אויף און נעבן קרוקעד היל ראוד. דער פראיעקט וועט צושטעלן א דירעקט פארבינדונג פון דער עקספרעסוועי צו עטליכע שאַפּינג ערטער אין קאמעק, אינדוסטריעלע ערטער אין ברענטוואוד, דיער פארק, און האופאודזש, דער מייקל דזשעי. גרענט קאמפוס פון סופאלק קאונטי קאמפוס אין ברענטוואוד, ברענטוואוד סטעיט פארק, און אנדערע ארטיגע וואוינונגען און ביזנעסער, און גלייכצייטיג לינדערן געדראנג אויף ארטיגע ראודס און די לאנג איילענד עקספרעסוועי סערוויס ראודס. בילדער פון דעם פראיעקט קען מען זען [דא](#).

״מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו מאדערניזירן אונזער טראנספארטאציע נעטוואָרק פאר מער גלאטיגע רייזן איבער גאנץ ניו יארק סטעיט, און פארלעסליכע באהאפטנקייט פאר קאמיוניטיס איז א הויפט באשטאנדטייל אין אונזער אלץ-ארומנעמענדע צוגאנג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די העכסט-נויטיגע פארבעסערונג לענגאויס דער לאנג איילענד עקספרעסוועי וועט זיין א טובה פאר מאטאריסטן און העלפן הייבן לאנג איילענד׳ס ראאנישע עקאנאמיע אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו בויען א שטערקערע לאנג איילענד פאר׳ן צוקונפט.״

די אונטערנעמונג צייכנט אפ די לעצטע טראנספארטאציע אינוועסטירונג פאר לאנג איילענד׳ס סטעיט הייוועי סיסטעם. ענדע פאריגע חודש, האט גאווערנער האוקול [געמאלדן](#) אז איבערפלאך אויספלאסטערן אויף דער איסטבאָונד לאנג איילענד עקספרעסוועי (אינטערסטעיט 495) פון דעם נעסאוי-סופאלק גרעניץ ביז סטעיט רוט 112 איז יעצט פארטיג, אפצייכענענדיג א באדייטנדע גרייכפונקט אין איינע פון די גרעסטע אויספלאסטערונג פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט. וועסטבאַונד ווידער אויספלאסטערן אויפ׳ן לאנג איילענד עקספרעסוועי איז יעצט ווייט אונטערוועגנס און איז אויפ׳ן סקעדזשול פארענדיגט צו ווערן ביז׳ן סוף יאר.

אלס טייל פון דעם קרוקעד היל ראוד פראיעקט, וועלן צווי אָף-רעמפס צוגעלייגט ווערן פאר דירעקטע צוטריט צו קרוקעד היל ראוד (סופאלק קאונטי רוט 13) פון סיי איסטבאָונד און סיי וועסטבאָונד LIE. א צווייטער לעין וועט צוגעלייגט ווערן לענגאויס דער ראמפע פון דער איסטבאונד LIE צום סאוטבאונד

סאגטיקאס סטעיט פארקוועי, און א דריטער רייזע לעין וועט אויסגעצויגן ווערן פאר טראפיק וואס קומט אריין אינ'ם סאוטבאונד סאגטיקאס סטעיט פארקוועי צום G ראוד בריק מיט נאך פארבעסערונגען ביי עקזיט 2S.

דאס אנהייבן קאנסטרוקציע קומט נאך גרונטליכע פלאנירונג, עפנטליכע געשפרעכן, און קאארדינאציע דורכ'ן ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע מיט ארטיגע באאמטע און דער פעדעראלער הייוועי אדמיניסטראציע.

קאנסטרוקציע וועט פארקומען מערסטנס אין דעם סאוט-וועסט קווארטל פון דעם עקזיט 53 אינטערטשעינדזש. פראיעקט איז ערווארטעט פארטיג צו ווערן אין 2023.

**דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האוקול'ס פעסטגעהאלטענע פירערשאפט, איז געווען אן אומפארגלייכבארע אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט'ס אינפראסטרוקטור און הייוועיס. דער פראיעקט וועט העלפן איבערמאכן וויאזוי לאנג איילענדער פארן ארום און אויפלעבן דער ארטיגער עקאנאמיע מיט גרינגערע צוטריט צו א צאל דערנעבנדע דעסטינאציעס."

**סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאון האט געזאגט,** "דער פראיעקט וועט העלפן מאכן סופאלק ראודס מער צוטריטליך פאר אונזערע מאטאריסטן, צי זיי גייען שאַפינג, צי זיי גייען צו דער ארבעט, באזוכן אונזערע הערליכע סטעיט פארקס, אדער שטודירן אין אונזער קאמיוניטי קאלעדזש. איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול פאר אירע אנגייענדע באמיאונגען צו אינוועסטירן אין אונזער אינפראסטרוקטור, העלפנדיג צו לינדערן טראפיק אויף אונזערע ארטיגע ראודס און צושטעלן א בעסערע לעבנס-קוואליטעט פאר אונזערע איינוואוינער."

מאטאריסטן ווערן דערמוטיגט צו פארן שטייטליכער און דרייוו'ען מיט פאראנטווארטליכקייט אין ארבעט זאונס. שטראף-אפצאל איז געדאפלט פאר ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון. צוויי אדער מער ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון קען גורם זיין דאס סוספענדירן פון דעם מענטש'ס דרייווער לייסענס.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאונלאד'ט דעם בחינם'דיגן 511NY מאביל עפּ.

פאלגט נאך NYSDOT אויף טוויטער ביי @NYSDOT און ביי @NYSDOTLI. געפונט אונז אויף פעיסבוק ביי facebook.com/NYSDOT.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418